# זעליק בעל-טובֿה און אָרקע דער הונדערטער

אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש

זעליק בעל-טובֿה איז אויפֿגעשטאַנען אין אַ פּסחדיקן אינדערפֿרי מיט אַ האַרטן באַשלוס, אַז מער קאָן אַזוי ניט גיין. מע מוז מאַכן אַ סדר בײַ די ווילנער בלאַטע. די לעצטע צײַט גייט דאָס שוין איבער דער גאַל. די דראַקעס, די רײַסערײַען פֿאַרשעמען דעם גאַנצן פֿאַך. בעל-הבתּישע אורקעס האָבן פֿאַרלאָרן דעם כּבֿוד. און אַלץ צוליב דער מלחמה וואָס אָרקע דער הונדערטער, זײַן, זעליקס, אייביקער שׂונא, פֿירט מיט אים שוין אַ גוטע פּאָר יאָר.

זעליק בעל-טובֿה איז געווען פֿאָרזיצער פֿון "ברודער-פֿאַראיין", וואָס האָט אַרײַנגענומען די וויכטיקסטע ווילנער אונטערוועלטניקעס, ווי עלינקע דער הויכער, צאָצקע די טויז, טעווקע קאָמעט – אַלע מענטשן מיט נעמען, וואָס האָבן ניט קיין מורא ניט פֿאַר גאָט און ניט פֿאַר לײַט.

אָרקע דער הונדערטער איז אויך ניט געווען קיין מפּיל-קינד. ער האָט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ אין אַנדערן פֿאַראיין פֿון די בלאַטע, וואָס האָט געהייסן "די גאָלדענע פֿאָן". דאָ האָבן זיך, למען-האמת, גענעסטיקט די געמיינע אין פֿאַך, וואָס האָבן זיך באַנוגנט מיט אַרויסגעצויגענע פּאָליאַרעסן אָדער נאַסע וועש פֿון אַ בוידעם. זיי זענען טאַקע געווען קלענערע גנבֿים, אָבער צו דער בראַנזשע האָבן זיי געהערט.

האָט אָרקע דער הונדערטער זיך געוואָלט גלײַכן צו זעליק בעל-טובֿע. די קינאה האָט אים אויפֿגעגעסן. זעליק האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף געשמוגעלטן טאַבאַק פֿון ליטע; אַחוץ דעם איז ער געווען אַ גלאַוונער פּאַסער, דער אָפּנעמער פֿון יעדער גנבֿה אין שטאָט. האָט מען געוואָלט זען די גנבֿה צוריק – איז זעליק געווען דער אַדרעס. פֿון דעם טאַקע זײַן צונעמעניש: בעל-טובֿה. גאַנץ ווילנע האָט אים אָפּגעגעבן כּבֿוד, ווײַל אָן אים האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין. ער איז געווען אַן אײַנגייער בײַ דאָקטער וויגאָדסקי, וואָס האָט געזאָרגט פֿאַר דער גאַנצער ווילנער אָרעמקייט און

צוגעזען מע זאָל זי ניט באַעוולען. דאָ האָט מען פֿאַרנומען בײַ אַן עלנטער יתומה איר גאַנצן נדן וואָס זי האָט געזאַמלט אונטער אַ מאַטראַץ, הגם דער "סטאַטוס" פֿון "ברודערפֿאַראײן" האָט פֿאַרזאָגט צו גנבֿענען בײַ יתומים, אַלמנות און בײַם שניפּישיקער רבֿ; אָדער מ'האָט סתּם בדלות געמאַכט אַ בעל-מלאָכה, אַ הויזן-נײער, און צוגעגנבֿעט בײַ אים די נײמאַשין.

זעליק בעל-טובֿה האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין בוינע, ווו מע האָט געשאָכטן בהמות פֿאַר אַלע יאַטקעס. פֿון יעדער בהמה האָט זעליק באַקומען אַן אָפּצאָל, כּדי דאָס פֿלייש זאָל אָנקומען אויפֿן אָרט און ניט אַראָפּגעשלעפּט ווערן פֿון וואָגן אַנדערש ווו. זעליקס באַנדע האָט אָפּגעהיט דעם וועג פֿון בוינע ביז די יאַטקעס, דער וואָגן זאָל ניט פֿאַרבלאָנדזשען.

אָרקע דער הונדערטער האָט מקנא געווען זעליקן און געחלומט צו גײן איבער ווילנע אין דער ברייט, מע זאָל וויסן ווער ס'איז בעל-הבית אין שטאָט. אַחוץ דעם האָט ער אים אויך מקנא געווען פֿאַרן צוריקגעבן געגנבֿעטע סחורה. מ'האָט דערבײַ גוט פֿאַרדינט און נאָך געגאָלטן פֿאַר אַ בעל-טובֿה, ווײַל די פּאָליצײ אין שטאָט האָט געקאָנט בלויז שרײַבן פּראָטאָקאָלן, אָבער ניט געקאָנט צוריקברענגען דעם שאָדן.

*

יאָרן לאַנג האָט זעליק בעל-טובֿה ניט גערעדט קיין וואָרט מיט אָרקע דער הונדערטער. עס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן אַזאַ באַרג מיט אָבידעס – ניט אַריבערצוקלעטערן. אָט האָט אָרקע געשיקט אַ שפּיאָן צו זעליקן, כּלומרשט טרינקען בראָנפֿן און פֿאַרזוכן פֿון דער קישקע וואָס זעליקס ווײַב האָט בריהדיק צוגערייט. זי האָט געפּירט אַ קנײַפּע אויף גלעזער-גאַס און אַחוץ דעם פֿלעגט זי נעמען די טשאָלנטן פֿון אַלע אַרומיקע הײַזער און זיי אַרײַנשטעלן צו זיך אין אויוון. פֿאַר אַ פּאָר גראָשן איז די בעל-הביתטע געווען זיכער, אַז דער טשאָלנט וועט אַרויס ניט קיין רויער, ניט מיט קיין בלייכע קאַרטאָפֿל.

צו זעליקן אין קנײַפּע זענען געקומען די וויכטיקע לײַט פֿון דער באַנדע, ווי יאַנקל אַנגלעניק, טאָוושע דער מלאך און אַנדערע. האָט דער שפּיאָן געוואָלט הערן וואָס מע רעדט, און אפֿשר כאַפּן אַ וואָרט אין שײַכות מיט אַ געשעפֿט. מ'האָט געוווסט אַז דער שפּיאָן, מישקע נאַפּאָלעאָן, איז אָרקעס אַ מענטש, און מע דאַרף זיך פֿאַר אים היטן. אָבער פֿאָרט האָט עס זעליקן שטאַרק געגריזשעט. עס וואָלט אים קיין מאָל ניט געקומען אויפֿן געדאַנק

צו שיקן עמעצן זיך דערוויסן וואָס עס טוט אָרקע, זײַן אײביקער שׂונא! עס איז דאָך אַלע יאָרן געווען אַ מין ניט-פֿאַרשריבענע תּקנה אין דער ווילנער אונטערוועלט, אַז אײנער קריכט ניט דעם אַנדערן אין די געשעפֿטן.

זעליק האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז ציקאָריע בײַ אַ טיש אין קנײַפּע און האָט באַשלאָסן צו גײן רעדן מיט אָרקע דער הונדערטער – ווײַל ווײַטער קאָן אַזוי ניט גײן. ערשט נעכטן האָט אים גערופֿן דאָקטער וויגאָדסקי און אים שטאַרק אויסגעמוסרט: סטײַטש, די פּוילישע צײַטונגען שרײַבן אַז די ייִדישע אונטערוועלט קריכט פֿון דער הויט. ניטאָ קײן נאַכט אָן אַ גנבֿה. אָט האָט מען אַרויסגעפֿירט אַ טײַער פֿערד, אַ מוסטאַנג, פֿון אַ שײַער וואָס געהערט צום זעקסטן לעגיאָנערן-פּאָלק. דאָס פֿערד האָט געדינט אויף אַלע פּאַראַדן. כּדי צו פֿאַרווישן די שפּורן, האָט מען דעם פֿערד אָנגעטאָן אויף יעדער קאָפּעטע אַ וואָליק מיט אַ קאַלאָש...

זעליק האָט געפּרוּווט פֿאַרטיידיקן די ווילנער מאַרוויכער, געטענהט אַז די שקצים יאַנעק די באַסאַווידלע און קאַזשימיעזש דער גלח זענען אויך ניט קײן צדיקים. זײ ברעכן אין אײן נאַכט מער שלעסער ווי די גאַנצער שבֿט ייִדישע גנבֿים. ער האָט אויך איבערגעחזרט וואָס ר׳ קיווועלע, דער רבֿ פֿון די בלאַטע, האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע אָרנטלעכע גנבֿים ווי אין ווילנע, הלוואַי אויף אַלע ייִדן געזאָגט. דאָקטער וויגאָדסקי איז אָבער ניט נתפּעל געוואָרן פֿון זעליקס אַרגומענטן און האָט געפֿאָדערט אַז בײדע פּאַרטייען גנבֿים זאָלן זיך פֿאַראײניקן, וועט מען אפֿשר קאָנען מאַכן אַ סדר, עס זאָל זײַן אײן בעל-הבית.

*

זעליק האָט זיך געקליבן אַרײַנצוגײן צו איצקע דעם רעטשיסניק אין קנײַפּע, ווּ עס זענען געזעסן אָרקעס פּאַכאָלקעס. ר׳האָט געוואָלט בעטן עמעצן פֿון זײ גײן אָנזאָגן אָרקען, אַז ער, זעליק בעל-טובֿה, וויל זיך מיט אים טרעפֿן. זעליק האָט שוין געזען פֿאַר זיך די אויפֿגעריסענע אויגן פֿון די בלאַטע אין קנײַפּע. שוין יאָרן וואָס זײ מײַדן זיך אויס אײנער דעם אַנדערן ווי אַ מגפֿה. און דאָ קומט גאָר זעליק, פֿאַרבײגט זײַן כּבֿוד, און בעט מע זאָל זיך זען.

זעליק האָט שוין כּמעט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער קנײַפּע, ווען ס׳איז אים פּלוצעם אַנטקעגנגעקומען מענדקע זאַיִקע, אײנער פֿון זײַנע געטרײַסטע סאָלדאַטן, אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן אַרבל און אַרויסגעשטאַמלט:

– זע-ליק! גײט ניט אַ-אַרײַן! זײ ווילן אײַך פּט-ט-רן!

זעליק האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס מענדקע מיינט און האָט איבערגעפֿרעגט:

– ווער פּטרן? וואָס פּטרן?

מענדקע האָט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אָבער ווײַטער געשטאַמלט:

– איך... איך ק-ק-קום פֿון ב-ב-בוינע. חיימקע האָט גע-געשטאָכן ז-זרחן דעם ש-ש-שינדער! מע האָט דאָרט גע-געש-שריִען נק-ק-קמה!

זעליק האָט זיך געגעבן אַ טרייסל, ניט אַזוי מחמת דער נקמה, נאָר וואָס חיימקע, זײַן זון, האָט געכאַפּט אַ מעסער. ער האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל ניט זײַן קיין כּוח-גייער, ווײַל ער איז אַ טאַטנס קינד און ער דאַרף היטן זײַן פּאָסטאַווע...

חיימקע האָט געדינט בײַ זײַן טאַטן, אויפֿצומאָנען בײַ די קצבֿים דעם חודש-אָפּצאָל פֿאַרן צוהיטן די סחורות פֿון פֿרעמדע הענט. גייט ער און כאַפּט אַ מעסער!

אין קנײַפּע איז שוין זעליק ניט אַרײַן. זרח דער שינדער איז געווען אָרקעס אַ שוואָגר. אויפֿן וועג צוריק אַהיים, האָט מענדקע דערציילט זעליקן וואָס ס׳איז פֿאַרגעקומען אין בוינע.

חיימקע איז געקומען נאָכן געלט. איז זרח דער קצבֿ אַרויס מיט אַ מענה-לשון, אַז גענוג! מע גיט ניט מער! מע וועט מער ניט האָרעווען פֿאַר זעליק בעל-טובֿה מיט זײַן שאַמפּאָכע.

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און זרח האָט פֿאַרהויבן די האַק אויף חיימקען. האָט יענער אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער און פֿאַררוקט זרחן אונטערן לאָפּאַטקע. איידער מע האָט אים אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל, האָט זרח נאָך באַוויזן אויסצושרײַען:

– חיימקע, אַ פֿײַער זוכט דיר! זאָג דעם טאַטן אַז בלוט וועט זיך גיסן. מיר׳ן נעמען נקמה!

*

איצט איז די מלחמה צווישן די צוויי פֿאַרטייען אַוועק אויף אַלע פֿראָנטן. ווו מ׳האָט זיך געטראָפֿן, איז אַרויס אַ דראַקע, אַ געשלעג. אָנגעהויבן האָט זיך די מלחמה בײַ פֿראָסטן אין טאַנצקלאַס, ווו דער יונגער דור איז געקומען באַווײַזן בריהשאַפֿט אין טאַנגאָ און וואַלס. פֿון זאָגן אַ מיאוס וואָרט אויף

יענטקען, זעליקס מיזינקע, איז מען אַריבער אויף טרוקענע קלעפּ, ביז פֿראָסט האָט געגרופּן פּאָליציי און פֿאַרמאַכט די טירן פֿון טאַנצקלאַס.

שפּעטער האָבן זיך בלאַטע צעיושעט בעת אַ שבתע-נאַכטס-פֿאָרשטעלונג אין ייִדישן טעאַטער. מ'האָט גראָד געשפּילט די לעבנס-פּיעסע מיט געזאַנג און טאַנץ – *באַנדיט-דזשענטלמען*. תּחילת האָט דער עולם געמיינט, אַז די געשרייען און זידלערײַען צווישן זעליקס און אָרקעס פּאַכאָלקעס געהערן צו דער פֿאָרשטעלונג, אָבער ווען ביידע צדדים האָבן אָנגעהויבן ברעכן שטולן, איז דער טעאַטער אין איין מינוט געוואָרן ליידיק. בלויז אויף דער גאַליאָרקע זענען פֿאַרבליבן די "שטאַרקע". דער אַקטיאָר בן-ציון וויטלער האָט זיך געבעטן פֿון דער בינע:

– חשובֿער עולם, מיר גייען ווײַטער אָן מיט דער פֿאָרשטעלונג!

דער חשובֿער עולם האָט אָבער מורא געהאַט, און איז וואָס גיכער אַנטלאָפֿן, כּדי אויסצומײַדן אַ קלאַפּ.

מ'האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעטשוכעט פֿון דעם געשלעג אין טעאַטער, איז צוגעקומען אַ נײַע סומאַטאָכע, וואָס האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע געגנט, פֿון יאַטקעווער-גאַס ביז אַרויף זאַוואַלנע.

אָרקע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און געשריִען, אַז ער מוז באַגראָבן זעליקן מיט אַלע זײַנע טובֿות. ער מיט זײַנע "סטראַטעגן" האָבן פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן: זיי האָבן אַרײַנגעשמוגלט צו זעליקן אין אויוון אַ טשאָלנט, און אין טשאָלנט אַרײַנגעלייגט אַ האַנטגראַנאַט. ווען דער אויוון האָט זיך צעברענט, האָט דער גראַנאַט אויפֿגעריסן און אַלע טשאָלנטן זענען פֿאַרפֿלויגן ביזן הימל. די יללות פֿון די בעל-הביתטעס האָט מען געהערט ביז אין דער צענטער גאַס. מ'האָט געשריִען אַז די בלאַטע זאָלן זיך שאַרן אויף אַלע פֿיר און עסן די טשאָלנט-קאַרטאָפֿל פֿון דער ערד... די אורקעס, די גנבֿים פֿון ביידע צדדים, האָבן אויפֿגערודערט די שטאָט.

*

אַ וואָך פֿאַר פּסח איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען די מלחמה. איין עוולה האָט געיאָגט די אַנדערע. זעליק בעל-טובֿה און אָרקע דער הונדערטער האָבן פֿאַרלוירן די שליטה איבער זייערע פֿאַראיינען. עס זענען אַרויפֿגעשוווּמען די קליינע פּלאָטקעלעך פֿון ביידע צדדים און געוואָלט באַווײַזן סאַראַ העלדן זיי זענען. מ'האָט געהאַלטן אין איין הייבן פֿויסטן איינער אויפֿן צווייטן. די שטאָט האָט קיין רו ניט געהאַט. יעדער מאַרוויכער, אַ ליאַדע קעשענע-גנבֿ

צי סתּם אַ בלאַטער פֿון געמיינעם סאָרט, האָט געוואָלט באַווייַזן אַז ער האָט אַ וואָרט.

זעליק האָט געמאַכט נאָך אַ פּרווו זיך צו טרעפֿן מיט אָרקען און רעדן וועגן תּכלית. אויך דאָקטער וויגאָדסקי איז צוגעשטאַנען צו אים, מע זאָל מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, ווײַל יידן האָבן גענוג צרות אויך אָן דעם: פּאָליציי דריקט פֿון אַלע זײַטן. מע טרײַבט ייִדישע הינערניצעס פֿון מאַרק. מע שלאָגט ייִדישע סטודענטן.

האָט זיך זעליק דאַבוועט צו זיצן מיט אָרקע דער הונדערטער בײַ איין טיש. דאָס איז אים ניט לײַכט אָנגעקומען. אָבער מענטשן פֿון דער בראַנזשע האָבן זיך אַרײַנגעלייגט און אָרקע איז ווייכער געוואָרן.

צו ערשט זענען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן בײַ זעליקן אין קנײַפּע און זיך אָנגעקוקט. נאָך אַלעמען האָט אָרקע געהאַט דרך-ארץ פֿאַר זעליקן. טיף אין האַרצן האָט ער געוווּסט אַז יענער איז מער פֿון אים. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אויסזען בײַ זײַן שׂונא אין די אויגן ווי אַ נעבעכל. זעליק איז געווען הויך, צעוואַקסן, סאָליד, און אָרקע איז געווען אַ נידעריקער, כאָטש זײַן קרעמפּער גוף האָט געזאָגט עדות, אַז ער איז מסוגל צו פֿאַרדײַען אַ פֿויסט.

אַחוץ זיי איז אין קנײַפּע קיינער ניט געווען. זעליק האָט באַפֿוילן זײַן ווײַב קיינעם ניט אַרײַנלאָזן פֿון די סתּם געסט. זי האָט געבראַכט צום טישל וווּ די צוויי האָבן זיך סוף-כּל-סוף צוגעזעצט, צוויי טעלער געבראָטענע קישקע, אַ פֿלעשל בראָנפֿן און קעלישקעס. צווישן איין גלעזל בראָנפֿן און דעם אַנדערן האָט זעליג געזאָגט צו אָרקען:

– די גאַנצע שטאָט מאַכט טורליקעס פֿון אונדז. מע רײַסט זיך בײַ די קעפּ ווי חדר-יינגלעך. אויב מיר אַליין וועלן ניט אָפּהיטן אונדזער כּבֿוד – טאָ ווער וועט עס טאָן? ס'איז דאָך שוין איין מאָל געווען אַזאַ זאַך, געדענקסט? ווען מ'האָט פֿאַרטראַכט צו פֿאַרכאַפּן ביים גבֿיר לייבאָוויטש זײַן ייִנגל און פֿאָדערן אויסלייזגעלט. האָב איך דעמאָלט געפּסקנט, אַז דאָס איז ניט פֿאַר ווילנע. אַזאַ גזלעוויסטווע איז גוט פֿאַר טשיקאַגאָ, ניט פֿאַר אונדז! דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין, אַז ווילנע איז ניט סתּם אַ שטאָט. ווילנע איז... נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן? ווילנע איז אַ שטיק ייִדישע וועלט! טאָרן מיר ניט פֿאַרשעמען איר פּירמע!

אָרקע האָט געוואָלט אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט, נאָר זעליק האָט אים ניט געלאָזט:

– דו הער בעסער וואָס איך זאָג: מע דאַרף אויפֿהערן די מלחמה! ווילסט אַ מאָל מאַכן אַ בשותּפֿותדיקן משׂא-מתּן, קום אַרײַן, וועט מען ריידן. איין זאַך זאָלסטו ניט פֿאַרגעסן: וואָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער ווילנער זענען מיר! נאָר צוליב דעם דאַרפֿן אַלע בלאַטע ליגן אײַנגעלייגט!

זעליק בעל-טובֿה האָט צוגעקלאַפּט דאָס לעצטע גלעזל צו אָרקע דער הונדערטער און אויסגערופֿן:

– אָביאַווע דײַנע אורקעס, שלום זאָל זײַן! פֿאַר דעם כּבֿוד פֿון ווילנע.

פֿון: אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, *געווען, געווען אַמאָל ווילנע*. פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל-אָבֿיבֿ 1997, ז׳ 18-11